גוט שבת אלע אידן. ר׳ מרדכי פולאן (זיין עכטע נאמען) איז געווען א איד א צדיק וואס האט דורכגעלעבט די שואה, די שווערע מלחמה טעג. ער איז געווען אין דעם לאדז געטו און נאכדעם אוישוויטץ און נאכדעם אין דאכו. ר׳ מרדכי איז געווען אן עלעקטרישאן און דורך קענען אזא פאך, האט ער געקענט טרעפן ״גוטע״ ארבעט אין די לאגערן.

פארשטייט זיך אז האלטן אידישקייט אין די לאגערן איז געווען כמעט אוממעגליך. איינעם וואס די דייטשע חיות ימ״ש האבן חלילה געכאפט, איז גלייך אומגעקומען, הי״ד. אפילו אזוי, האט ר׳ מרדכי געהיטן די תורה וויפיל עס איז געווען מעגליך, אין דעם שווערן מצב.

איין טאג, ווען ער איז געווען אין דעם לאגער דאכו, איז געקומען צו אים א איד. דער איד האט געזאגט צו ר׳ מרדכי אז ער האט צו פארקויפן אן עכטע מציאה, א פאר תפלין. די פרייז איז אבער זייער טייער געווען. יענער איד האט געבעטן פון ר׳ מרדכי זיין ברויט פארציעס פאר אכט טעג אין איין צי!

חוץ דעם וואס עס איז געווען א סכנה צו האלטן תפלין, איז געווען אויך א סכנת נפשות צו גיין אהן ברויט פאר אכט טעג. אבער פאר ר׳ מרדכי איז די החלטה געווען פשוט. צו אים, זענען די תפלין געווען מער ווערט ווי אלע עסען אין די גאנצע וועלט, ווייל זיין נשמה האט זיך געהונגערט. דער פארקויפער האט געגלייבט ר׳ מרדכי, און דערפאר, האט דער פארקויפער גלייך איבערגעגעבן די תפלין. ר׳ מרדכי האט יענעם געגעבן זיין פארציע ברויט פון יענעם טאג.

דאס זעלבן טאג איז געקומען צו ר׳ מרדכי א צווייטער איד. יענער איד האט געזוכט א לעקטרישען בויער (דריל.) וויבאלד אז ר׳ מרדכי איז געווען אן עלעקטרישאן, האט ער געקענט אפשר פארשאפן אזא זאך אין לאגער. באמת׳ן האט יענער איד געוואלט טוישן דעם בויער מיט א דייטשען ארבעטער אין דעם לאגער. (אין יענע לאגער האבן געארבעט אויך דייטשע מענטשן וואס זענען נישט געווען נאצים, ימ״ש). בקיצור, האט ר׳ מרדכי פארשאפן דעם בויער און ער האט עס איבערגעגעבן פאר דעם איד וואס האט עס איבערגעגעבן פארן דייטשען. דער דייטשער ארבעטער האט צוגעזאגט די צוויי אידן עקסטרע יעדען טאג א גאנצע ברויט פאר די קומענדיגע אכט טאג. און דורך דעם, האט ר׳ מרדכי געהאט סיי די תפלין און סיי די ברויט!

ר׳ מרדכי פלעגט לייגן זיין תפלין יעדען פארטאגס. ער האט געלייגט די תפלין, געזאגט דעם ערשטען חלק פון קריאת שמע און דאן האט ער עס שנעל אויסגעטון. איין טאג האט אים געכאפט לייגען תפלין גאר א רשעותדיגער דייטשער סאלדאט. הפלא ופלא, האט דער דער דייטשער אים נאר פארשאלטן אבער ער האט גאר נישט געטון קעגן אים. ב״ה אז ר׳ מרדכי האט דורכגעלעבט די מלחמה און ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן דורות ישרים ומבורכים.

יעצט לאמיר דערציילן נאך א מעשה וואס ווייזט ווי אידן האבן זיך שטאלצירט מיט שמירת המצוות אין די שווערע מלחמה יארן. עס איז געווען אמאל שמחת תורה אין די לאגער. עס זענען נישט געווען פונקט דעמאלט קיין דייטשע שומרים אין דעם פאבריק וואו די אידן האבן געדארפט ארבעטן. פלוצלינג האט איינער אנגעהויבן צו זינגען דעם ניגון ״מפי קל.״ פלוצלינג איז אריינגעקומען דער דייטשער מנהל פונעם פאבריק.

״וואס גייט דא פאר? זאגט מיך!״ האט דער מנהל געזאגט. ״וואס זינגט איר?״ האט דער דייטשער געזאגט צו געוויסען איד ר׳ יוסף פרידענזון.

״הער אויפזעהר... היינט איז א אידישע יום טוב... און לכאורה קען מען זאגן אז זיי דאווענען, נישט סתם זינגען!״

״זאג מיך וואס די ווערטער מיינען!״ דאן האט ר׳ יוסף געטייטשט די ווערטער פון לשון קודש צו דייטש, להבדיל. דער דייטשער איז געווארן ערשטוינט. ״צי דען גלייבט איר אלע אין די ווערטער פון דעם ליד (ניגון)?״ (בלשון תמיהה האט דער דייטשער עס געפרעגט. ד״ה, ווי אזוי האבן די אידן געקענט זינגען אזא ניגון פון אמונה אין אזא מצב?)

בעפאר ר׳ יוסף האט געקענט זאגן עפעס, איז אויפגעשטאנען א יונגער בחור, א פשוטער איד וואס האט נישט געלערנט אסאך תורה, און דער בחור האט זיך אנגערופן ״יא, איך גלייב!״

דער דייטשער האט געשאקעלט זיין קאפ צו ווייזן זיין ערשטוינקייט. ״הפלאדיגע!״ האט דער דייטשער געזאגט. ״אויב אזוי, האב איך מורא אז מיר וועלן קיינמאל נישט מצליח זיין קעגן אייער פאלק!״ ער האט געזאגט בשעת ער איז אוועקגעגאנגען.

עס שטייט אין די תורה די וואך ״צו את אהרן ואת בניו וכו׳״ (ויקרא ו,ב) דער בעל הטורים ז״ע איז מסביר לויט די גמרא (קידושין כט.) אז דער פסוק קומט אונז צו לערנען ווי מען דארף האבן זריזות ביי תורה און מצוות, ווייל ״צו״ איז א לשון פון זירוז. (עיין רש״י) זריזות מיינט אז מען לויפט צו טון דעם רצון פונעם רבש״ע. מען קען זיך אפלערנען פון די צוויי מעשה׳עס וואס מיינט זריזות! גוט שבת אלע אידן.

מזל טוב לכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א לרגל שמחת לידת הנינה אצל נכדו הרה״צ רבי צבי אלימלך שליט״א חתנו של חתנו הרה״צ רבי אברהם יושע העשל שליט״א

מזל טוב למוה״ר יעקב יוסף טויב הי״ו לרגל שמחת לידת נכדתו אצל בנו מוה״ר אברהם יושע העשל הי״ו

נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח״י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה